# צום פינטל

גליון מז

פרשת האזינו ויוה"כ תשפ"ד

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## פרשה

תשובה

### • 'תשובה במנין תרי"ג

מ'שטייט 'שבת תשובה', די מצוה פון 'תשובה' שטייט אין פרשת נצבים (פרק ל פסוק א), די תורה זאגט 'והשבות אל לבבך', 'ושבת עד ה' אלקיך'.

ס'איז דא ראשונים (רמב"ם, רס"ג) וואס רעכענען נישט די מצוה פון 'תשובה' אין די מנין תרי"ג, די אחרונים זענען מסביר אז די תרי"ג מצוות זענען 'מצוות פרטיים', יעדער מצוה איז א מצוה פאר זיך, און די מצוה פון 'תשובה' איז א כלליות'דיגע מצוה, א מצוה וואס איז כולל אלע מצוות, א מצוה וואס העלפט ארויס אלע מצוות, אלע מצוות מוזן צוקומען צו 'מצות התשובה', ממילא איז דאס נישט במנין תרי"ג, וויל ס'איז א 'כללות' פאר אלעמען.

אזוי ווי די מצוה פון 'אמונה' רעכנט נישט דער רמב"ם אויס אין די מנין תרי"ג, און די מפרשים זענען מסביר וויל אהן 'אמונה' פאנגט זיך גארנישט אהן, אמונה איז די שורש און התחלה פון אלעמען. די זעלבע איז אויך מיט די מצוה פון 'תשובה', אהן 'תשובה' פאנגט זיך גארנישט אהן, ס'איז נישט שייך 'קיום המצוות' אהן די מצוה פון תשובה, אלע זענען אנגעוויזן אויף 'תשובה', אלע דארפן צוקומען צו די מצוה פון 'תשובה' זאל זיי ארויסהעלפן אז זיי זאלן האבן א 'קיום'.

משל למלך, א קעניג איז מצווה 'חוקים' אין זיין מדינה, איז דא אין דעם דריי חלקים, דער קעניג, די פאלק, און די חוקים. איז די ערשטע זאך - פארשטייט יעדער איינער - איז די הכרה וואס די מענטשן דארפן מכיר זיין אינעם קעניג, פאר די מענטשן זענען מכיר אינעם קעניג זעלבסט, איז נישט דא פון וואס צו רעדן פון קיין 'חוקים', ס'איז דאך נאך קיין קעניג נישט פאראנען, וואס דאס איז ענדליך צו די מצוה פון אמונה, אז פאר די 'הכרה' אין מציאות ה' פאנגט זיך נישט אהן די תרי"ג מצוות.

די צווייטע זאך פעלט זיך אויס, אז דער קעניג זאל מכיר זיין אינעם פאלק, אז דער קעניג זאל פארשטיין זייער מעמיד ומצב, ער זאל נישט פארלאנגען פון זיי צו סאך אדער צו ווייניג. דאס הייסט אז אזוי ווי מ'פארשטייט אז פאר די פאלק איז מכיר אינעם קעניג זעלבסט, פארדעם פאנגט

**דער רמב"ם וויל אז די זאלסט פארשטיין אז 'תשובה' איז אינדערוויניג אין הארץ, ער איז נישט געקומען דריקן אז ס'איז גאר שווער, ס'דארף זיין גאר ריין, עד שיעיד עליו יודע תעלומות וכו', ניין, דער רמב"ם זאגט דיר איין זאך, תשובה איז נישט אין 'עולם המעשה'**

זיך גארנישט אהן, די זעלבע זאך איז אויך פארקערט, אז פאר דער מלך' איז מכיר אינעם פאלק, פאנגט זיך אויך גארנישט אהן. וואס דאס איז אנטקעגען די מצוה פון 'תשובה', וויל 'תשובה' בעומק מיינט אז דער מלך – דער אייבישטער כביכול – איז מכיר אין זיין פאלק, ער פארשטייט זייער מעמד ומצב אז זיי זענען א בשר ודם, און ער פארלאנגט נישט פון זיי מער פון וואס זיי קענען צו שטעלן.

יעצט קומט די דריטע זאך, די חוקים ומשפטים זעלבסט, נאכדעם וואס ס'איז שוין דא די ביידע זאכן, ס'איז דא די הכרה פונעם פאלק אינעם 'מלך', און ס'איז דא די הכרה פונעם 'מלך' אינעם פאלק, יעצט קומט די 'חוקים ומשפטים' זעלבסט, יעצט איז דא ווער ס'זאל קובע זיין די חוקים ומשפטים, און יעצט איז אויך דא ווער ס'זאל זיי מקבל זיין, ס'איז דא דער מלך און ס'איז דא דער פאלק, און יעצט קומט די 'חוקים ומשפטים' וואס וועלן זיין ווי די פארמיטלערס צווישן זיי צוויי כביכול, וואס דאס איז די תורה הקדושה וואס איז ווי א פארמיטלער צווישן דעם אייבירשטן מיט די יידישע קינדער.

קומט אויס אזוי די צוויי מצוות, די מצוה פון 'אמונה' און די מצוה פון 'תשובה', די צוויי מצוות, זענען נישט אין די מנין תרי"ג, וויל זיי זענען פאר אלעס, זיי שטעלן אוועק די הכרה אינעם מלך, און זיי שטעלן אוועק די הכרה אינעם פאלק זעלבסט, און ערשט נאכדעם קען קומען די תרי"ג מצוות.

### • תשובה ווי א חסידישע יוד

ס'איז דא אזא מושג ווי א 'הלכה יוד', און ס'איז דא א 'חסידישער יוד', א 'הלכה יוד' איז א יוד וואס איז מקיים אלע מצוות התורה, ער לאזט נישט אויס קיין איינע פון זיי, און א 'חסידישע יוד' איז א יוד וואס איז מוסיף מחשבה, ער לייגט צו הארץ צו יעדער מצוה וואס ער טוט, ער טוט אלעס מיט 'אהבה ויראה' און מיט א 'פנימיות הלב'.

אויף צו זיין סתם א 'ערליכע יוד' א 'הלכה יוד', אויף דעם פעלט זיך נישט אויס מחשבה אין פנימיות, וויל כמעט אלע מצוות התורה זענען 'מצוות מעשיות', און אויב איז ער אויסגעהאלטן אין אלעס במעשה, ער איז מקיים אלע מצוות במעשה, איז ער געוועונטליך געדעקט. און די מצוות התורה פון 'אהבה ויראה' וכדומה, דאס קען מען טייטשן 'על פי פשט' אז דאס מיינט אויך אין 'עולם המעשה', למשל אויב ס'איז 'בא עבירה לידו' דארף ער זיך מעורר זיין מיט 'יראה' נישט צו טון די עבירה ח"ו, און אויב ס'איז 'בא מצוה לידו' דארף ער זיך מעורר זיין מיט 'אהבה', זוכער צו מאכן אז ער טוט די מצוה, אבער ס'איז אלץ וויטער אין 'עולם המעשה', ממילא אויף צו זיין א פשוט'ע 'ערליכע יוד' פעלט זיך נישט אזוי אויס

המשך בעמוד הבא

מחשבה מיט אהבה ויראה. און דאס איז די 'הוספה' וואס א חסידישע יוד איז מוסיף, א 'חסידישע יוד' דערהערט יא אין אלע מצוות, די חלק המחשבה וואס איז דא אין זיי, די 'אהבה ויראה' און די 'פנימיות' פון די מצוות.

איז דאס אלעס איז ביז מ'קומט צו די מצוה פון 'תשובה', אבער ווען מ'קומט צו די מצוה פון 'תשובה', דא קען מען זיך שוין נישט ארויס דרייען, דא איז אפילו אויף צו זיין א פשוט'ע ערליכע יוד, דארף מען אויך נוצן גאר אסאך הארץ, די מצוה פון 'תשובה' איז נישט שייך צו מקיים זיין אהן הארץ, אזוי ווי יעדער פארשטייט אז ס'איז נישט שייך איבערצובעטן א חבר אהן הארץ, ס'איז קיין איבערבעטן נישט, אזוי אויך כביכול איז נישט שייך איבערצובעטן דעם אייבירשטן כביכול אהן הארץ, די מצוה פון 'תשובה' מוז גיין מיט 'פנימיות הלב', 'תשובה' איז נישט דא קיין ברירה, 'תשובה' מוז צוגיין ווי א 'חסידישע יוד'.

און דאס איז פשט וואס די תורה הקדושה זאגט אין די פרשה פון תשובה (דברים ל א) 'והשבות אל לבבך', ווייל דאס איז די מצוה פון 'תשובה' די 'השבת הלב', 'תשובה' איז א מצוה וואס איז נישט שייך צו מקיים זיין אהן 'לב', ס'איז נישט שייך מקיים צו זיין די מצוה פון תשובה מיט א פארשטיינערטע הארץ, ס'איז פשוט קיין תשובה נישט, די מהות פון 'תשובה' איז א שברון הלב און א הכנעה, וואס דאס ארבעט נישט מיט 'עולם המעשה', ס'פעלט זיך אויס 'השבת הלב'.

'תשובה' איז 'חרטה על העבר' און 'קבלה על העתיד', 'חרטה על העבר' מוז זיין מיט הארץ, כדי ס'זאל זיין א אמת'דיגע חרטה מוז עס זיין מיט הארץ, אמת'דיג אפצולאזן די עבירות, און נאכדעם קומט די חלק הלמעשה פון 'קבלה על העתיד', יעצט דארף מען זיך צו טוישן למעשה, אפצולאזן די עבירות למעשה.

## כי קרוב אליך הדבר מאוד

איז לכאורה וואלט געדארפט אויסקומען אז 'תשובה' איז שווערער ווי אלע אנדערע מצוות, ס'פארלאנגט זיך א שברון הלב און א הכנעה, אבער דא קומט די תורה און זאגט אז ס'איז נישט אזוי. די תורה הקדושה זאגט נאך די פרשה פון תשובה (דברים ל יא) 'כי המצוה הזאת לא נפלאת הוא ממך ולא רחוקה הוא', וואס לויט אסאך ראשונים גייט דאס ארויף אויף די מצוה פון 'תשובה', תשובה איז נישט קיין שווערע זאך, אזוי ווי די וועלט זאגט 'תשובה איז נישט קיין בער, תשובה איז נאר א קער'. און די תורה הקדושה איז ממשיך 'כי קרוב אליך הדבר מאוד בפיך ובלבבך לעשותו', 'תשובה' איז גאר א נאנטע און גרינגע זאך, אביסלע הכנעה, מודה זיין א משהו אויף די שוואכקייטן, מודה זיין אז ס'איז געווען א טעות, און אלעס איז מסודר.

ס'קוקט טאקע אויס שווער, ס'קוקט אויס אסאך שווערער ווי אלע אנדערע מצוות, אבער טאקע צוליב דעם קומט אונז די תורה הקדושה זאגען אז ס'איז נישט אזוי, די תורה הקדושה בארואיגט דעם יוד, זארג דיך נישט 'תשובה איז גרינגע זאך'. דער יוד שטייט און שרייט ווי נעמט מען א משהו הכנעה, פון ווי נעמט מען א משהו 'שברון הלב', אבער די תורה זאגט זארג דיך נישט, דארפסט נישט גיין פאר דעם צו די מרחקים, 'לא רחוקה היא', דארפסט נישט קריכן פארדעם אין הימל אריין, 'לא בשמים היא', דארפסט נישט גיין פארדעם 'מעבר לים', 'ולא מעבר לים הוא', כי קרוב אליך הדבר מאוד, ס'איז ביי דיר אין הארץ, ס'איז א ברעקעלע וואס די דארפסט רירן דיין אייגענע הערצעלע, דאס איז די מצוה פון 'תשובה'.

## עד שיעיד עליו יודע תעלומות

די רמב"ם זאגט אז תשובה דארף זיין 'עד שיעיד עליו יודע תעלומות', וואס דאס זאגט גאר שטארק וואס מ'האט געשמועסט, אז פאר 'תשובה' פעלט זיך אויס הארץ, 'תשובה' איז א נושא צווישן דעם יוד אינעם אייבערשטן, ס'איז נישט קיין זאך וואס מ'קען פאפען, דער אייבישטער איז 'יודע תעלומות הלב', און ער ווייסט ווי מ'האלט מיט דעם אין הארץ. ווען 'תשובה' וואלט געווען א מעשה'דיגע זאך, וואלטן א 'בשר ודם' אויך געקענט עדות זאגן, אבער היות ס'איז דברים שבלב, איז נאר דער 'יודע תעלומות' קען עדות זאגן.

און מיט דעם ווערט פארענטפערט וואס אלע מיטשענען זיך, דעם 'עד שיעיד עליו יודע תעלומות', וואס האט דער רמב"ם געוואלט שווער מאכן די מצוה פון 'תשובה', ווי ס'קוקט אויס 'בהשקפה ראשונה' אז דאס איז וואס דער רמב"ם וויל דארט דריקן, אבער דאס קען דאך נישט זיין, ווייל די תורה הקדושה זאגט דאך בפירוש 'כי קרוב אליך הדבר מאוד'. נאר פשט איז ווי געשמועסט אז דער רמב"ם וויל איין זאך, דער רמב"ם וויל אז די זאלסט פארשטיין אז 'תשובה' איז אינדערווייניג אין הארץ, ער איז נישט געקומען דריקן אז ס'איז גאר שווער, ס'דארף זיין גאר ריין, עד שיעיד עליו יודע תעלומות וכו', ניין, דער רמב"ם זאגט דיר איין זאך, תשובה איז נישט אין 'עולם המעשה', אין עולם המעשה קענסטו האבן מענטשן וואס זאלן עדות זאגן ווי אזוי די האסט זיך אויפגעפירט, אבער ביי די מצוה פון תשובה איז נישט שייך עדות פון מענטשן, ס'איז א דבר שבלב וואס ס'איז נאר מיטן אייבירשטן.

### עד ה' אלקיך

די פסוק זאגט ביי מצוות התשובה (דברים ל ב) 'ושבת עד ה' אלקיך', די ווערסט זיך צוריק קערן ביזן אייבירשטן, דאס הייסט אז מצוות התשובה איז צוריק צו קומען צום אייבירשטן זעלבסט. ביי אלע אנדערע מצוות דארפן מען נישט אזוי שטארק לעבן מיט'ן אייבירשטן זעלבסט, ס'איז גענוג אז מ'איז מקיים אין 'עולם המעשה' וואס מ'האט צו טון, אבער 'תשובה' ארבעט נישט אזוי, ביי 'תשובה' דארף מען צוריק קומען צו אים אליינס כביכול.

אלע מצוות האט דער אייבישטער באפוילן פאר דריי טויזנט יאר צוריק אויפן בארג סיני, און די קענסט לעבן מיט די מצוות אליינס אהן לעבן מיט דער 'נותן התורה'. אבער 'תשובה' איז נישט אזוי, תשובה מיינט אז מ'קומט צוריק צו אים זעלבסט, ס'איז נישט שייך 'תשובה' דורעכן צוריק קומען צו זיינע מצוות, תשובה מיינט אז מ'קומט צוריק צו אים זעלבסט, 'ושבת עד ה' אלקיך', צו אים אליינס. און די טעם איז פשוט, ווייל אזוי ווי ווען מ'בעט איבער א חבר, מוז עס זיין מיט די גאנצע הארץ, און דער עיקר אז מ'מוז צוריק קומען צו אים אליינס, מ'מוז זיך מכניע זיין און ווערן אביסל 'בטל' פאר אים, די זעלבע זאך כביכול ביים אייבירשטן מוז מען צוריק קומען צו אים אליינס, און מ'מוז ווערן אביסל בטל מיט'ן תשובה.

מ'ווייסט אז אויב מ'טשעפעט איינעם, איז דער עיקר ווייטאג אויף די גאוה, אויף דעם וואס מ'האט זיך ארויסגעשטעלט און משפיל געווען, בדיבור אדער במעשה, ממילא איז פארשטענדליך אז די מצוה פון איבערבעטן איז די פארקערטע, אז מ'איז זיך מכניע און מ'ברענגט ארויס אז אלעס איז 'מכח' מיין שוואכקייט, וואס מיט דעם דרייט מען איבער די גאנצע זאך לטובה. די גאנצע ווייטאג איז געווען אויף דעם וואס מ'איז געווען יענעמ'ס 'נער', און ווען

המשך בעמוד האחרון

## כח המשיכה און גראוויטאציע

די 'כח המשיכה' איז גאר א ברייטע כח וואס נעמט ארום דעם גאנצן 'יקום', דער גאנצער 'קיום העולם' איז אויף די כח פון 'גרעוועטי', און ווי ס'איז באקאנט דער אור החיים הקדוש אין פרשת בראשית אז דורך 'גרעוועדי' קען מען פילן די השתוקקת פון די גאנצע וועלט צום אייבערשטן. איז היינט וועלן אונז אכיסל אויסשמועסן ווי מ'זעהט אלץ אין די בריאה די 'כח המשיכה', די 'כח המשיכה' בכלל, און די כח פון 'גראוויטאציע' בפרט, און אויך ווי מ'זעהט דאס ביי דער מענטש זעלבסט.

די ערשטע פלאץ ווי מ'זעהט די 'כח המשיכה' אויף גאר א ברייטע אופן, איז פארשטייט זיך די כח ה'גראוויטאציע' פון די 'ערד קוגעל', די 'ערד קוגעל' איז 'מושך' און ציט אלעס צו זיך, די גאנצער ארום זיינער, זיין גאנצער 'אטמוספערא', אלעס ווערט צו געצויגן צו אים, אלעס ווערט צו געצויגען צו זיין מיטן פונקט. און אזוי ווי אונזער וועלט, די 'ערד קוגעל', איז אלעס מושך צו זיך, אזוי אויך איז מיט אלע אנדערע פלאנעטן און שטערנס, יעדער איז מושך זיין גאנצע 'אטמוספערא' צו זיך. און ווי ס'איז באקאנט האט אויך דער 'זון' גאר א שטארקע כח פון 'גראוויטאציע', ציענדיג צו זיך אלע פלאנעטן, און אויך די 'ערד קוגעל' ווערט געצויגען זיך צו דרייען ארום איר.

און ווי זיי זענען מסביר, לעבט די גאנצע 'יקום' אויף די כח פון 'גראוויטאציע', ווי יעדער מציאות איז מושך צו זיך, און פון די אנדערע זייט פילט יעדער אויך דער 'כח המשיכה' פונעם צווייטן, און פוןביידע זאכן צוזאמען באלאנסירט זיך דער גאנצער 'יקום'. די 'ערד קוגעל' מיט די 'פלאנעטן' מיט די זון, יעדער איז מושך צו זיך, אבער פון די אנדערע זייט ווערט יעדער אויך נמשך צו אלע אנדערע, און לויט דעם באלאנסירט זיך דער גאנצער יקום, אלע אונטער איין ריזיגע 'אין סופיות'דיגער' באלאנס.

און נישט נאר די 'ערד קוגעל' מיט די 'פלאנעטן' זענען מושך צו זיך, נאר יעדער 'חפצא' אין די בריאה האט א געוויסע מאס פון 'גרעוויטאציע', יעדער איז מושך צו זיך, יעדער 'חפצא' איז מושך לפי זיין גפניות'דיגע גרויסקייט, לפי די שווערקייט (כובד) און לייכטקייט זיך צו ריקען פון איין פלאץ צום צווייטן, וואס דאס ווערט אנגערופן אין חכמת העולם 'מעיס' (מסה - mass). נאר אונז באמערקן דאס נישט, ווייל אלעס ווערט 'בטל' צו די 'כח המשיכה' פון די 'ערד קוגעל', ווייל די 'ערד קוגעל' איז גרעסער פון אלעס, ממילא איז אויך די 'כח המשיכה' זיינער אסאך גרעסער ווי אלעס, איז אויטאמאטיש שפירט מען נישט די אלע קליינע משיכות פון אלע אנדערע חפצים.

אבער בעצם פונקט אזוי ווי די וועלט איז 'מושך' צו זיך, פונקט די זעלבע איז אויך יעדער מציאות 'מושך' צו זיך, נאר דער גרעסערער ער איז דער געווינער, דער וואס איז גרעסער, דער איז דער וואס געווינט. און דאס איז אויך די סיבה פארוואס די וועלט און די פלאנעטן דרייען זיך אלע ארום דעם זון, וויבאלד די זון איז אסאך גרעסער פון אלע, ממילא איז אויך די 'כח המשיכה' זיינער אסאך אסאך גרעסער, און אלע ווערן נמשך ארום אים.

## כח המשיכה און די אטומים

אזוי ווי ס'איז דא א 'כח המשיכה' און די גרויסע וועלט, ווי אלע פלאנטן און די גאנצע 'יקום' האלט זיך צוזאמען מיט די 'כח המשיכה', אזוי איז אויך דא א 'כח המשיכה' אין יעדעס איינציגע ברעקעלע פון די מציאות. ווי ס'איז באקאנט אז די וועלט איז נישט איין גרויסע מציאות, די וועלט איז צוזאמגעשטעלט פון פיל פיצעלע חלקים וואס הייסן 'אטומים', און ווען מ'קוקט אריין מיט א 'טעלעסקופ' אין דעם 'אטום' אריין, זעהט מען ווי דער 'קיום' פונעם 'אטום' איז אויך דער 'כח המשיכה'.

ווייל יעדער 'אטום' האט אין זיך א 'קערל', וואס דאס הייסט 'פראוטן', און ס'האט אויך פילע קליינע חלקים וואס פליען ארום און ארום פונעם קערל, וואס זיי ווערן אנגערופן 'לעקטרונס', און די כח וואס האלט צוזאם די צוויי חלקים, די 'פראוטנס' מיט די 'לעקטרונס', איז דורעך 'כח המשיכה', ס'איז דא א מורא'דיגע 'כח המשיכה' וואס האלט זיי צוזאמען.

קומט אויס אז די גאנצע מציאות העולם באשטייט פון 'כח המשיכה', אנגעפאנגען פון 'כללות העולם', די ערד קוגעל די פלאנעטן די זון מיט די ווייטע שטערנס, וואס זייער גאנצער 'יקום' באשטייט פון די 'כח המשיכה' וואס האלט זיי אלעמען צוזאמען. און אויך בעיקר, אז אויך בפרטיות איז די זעלבע זאך, יעדעס איינציג ברעקל אויף די וועלט, יעדעס קליינער אטום, אלעס האלט זיך אויף די כח המשיכה פון איין חלק צום צווייטן.

**'תאוה' איז דער 'כח המשיכה וואס די וועלט שלעפט דעם מענטש צו זיך, די וועלט שלעפט דעם מענטש זאל זיך עפענען צו אירע תאוות, און 'גאוה' איז פארקערט פון דעם, 'גאוה' איז דער 'כח המשיכה' וואס דער מענטשט שלעפט צו זיך, פארקערט פון די 'כח המשיכה' פון דער וועלט**

## כח המשיכה און דער מענטש

אבער אנשטאט זיין פארנומען מיט די ריזיגע מעכטיגע כוחות וואס איז דא אינעם וועלט, וואס דער מענטש ווערט ממש פארלוירן נאר פון טראכטן פון אזעלכע גרויסע כוחות, לאמיר ענדערשט גיין צום מענטש זעלבסט, וואס ביי אים קען מען זען די 'כח המשיכה' אויף מער א פשוט'ע פארנעם.

אז מ'טראכט אריין איז דער גאנצער לעבן פונעם מענטש א מלחמה מיט דער 'כח המושך', די ערד שלעפט אראפ דעם מענטש צו זיך, דער מענטש קומט פון ערד און גייט צוריק צום ערד, ער קומט פון דער 'כח המושך', און ער גייט צוריק אהין, דער 'שאול' פונעם קבר שלעפט אריין אהין, אבער דער לעבן פונעם מענטש איז זיך צושלאגען מיט דעם, דער בורא כל עולמים געט פאר יעדן מענטש א נשמה פון די עליונים און מיט דעם באקומט ער די כוחות זיך צו שלאגען מיט אזעלכע מעכטיגע כוחות ווי די גראוויטאציע פונעם ערד קוגעל.

דער 'נשמה' איז פון די עליונים וואס שלעפט אויף ארויף, און מיט דעם האט ער די כח זיך צו שלאגען מיט די ערד קוגעל וואס שלעפט אים אויף אראפ, דער 'נשמה' געט פארן מענטש די 'קומה זקופה' זיך צו האלטן אויף ארויף, און נישט ווערן נמשך צו די ערד. און ווען דער מענטש ווערט אלט, וואס דאס מיינט אז ער פאנגט אהן צו פארלירן אביסל די כוחות פון די נשמה זיינער, דאן פאנגט ער טאקע אהן אראפ צו פאלן צוריק צו די ערד, ער פארלירט צוביסלעך דעם 'קומה זקופה' און ער פאנגט אהן צוריק צו פאלן צו די 'כח המושך' פון די ערד.

המשך בעמוד הבא

# ענינים
המשך

ס'איז באקאנט די רמב"ם אין שמונה פרקים און אין נאך פלעצער, וואס דער רמב"ם איז מסביר די 'כח העיכול' פונעם מענטש, אז דאס איז געבויט אויף צוויי כוחות וואס ווערן אנגערופן 'כח המושך' און 'כח הדוחה', וואס די צוויי כוחות ארבעטן צוזאמען אין די גאנצע מציאות האדם, דער גאנצער מענטש ארבעט אויף די דאזיגע צוויי כוחות פון שלעפן און שטיפן, די גאנצע בלוט סיסטעם ארבעט אויף דעם, און אויך די מערכת העיכול ארבעט אויף דעם. וואס דאס איז א פרטיות'דיגע 'כח המושך' וואס איז דא אינעם מענטש, וואס דאס הייסט אז אויסער די כלליות'דיגע 'כח המושך' פונעם מענטש, די כח המושך פונעם גוף וואס שלעפט אויף אראפ, אויסער דעם איז דא אויך א פרטיות'דיגער 'כח המושך' וואס שלעפט ארום די בלוט און אלע אנדערע חלקים פונעם מענטש, אז אלעס זאל אנקומען צום ריכטיגען פלאץ.

## כח המשיכה ביי די קנינים פונעם מענטש

אויך דער 'נפש האדם' איז געבויט אויף א 'כח המשיכה', ווי מ'זעהט עס שטארק ביי די קנינים פונעם מענטש, יעדער מענטש האלט זיינע קנינים נאנט צו זיך, וואס דאס איז אזא 'כח המשיכה' אריינגעבויט אינעם סיסטעם פונעם נפש, מיט וואס ער שלעפט זיין געלט און זיינע קנינים, אלעס שלעפט ער נאנט צו זיך, אלעס וואס באלאנגט צו אים ווערט אריינגעשלעפט ווי נענטער, כדי צו האלטן אויף זיי א וואכזאם אויג, און זיי גוט אפהיטן. און דאס איז די 'כבידות' וואס איז דא אין די קנינים פונעם מענטש, ווי די פסוק זאגט 'ואברם כבד מאוד במקנה', וואס דאס איז די כבידות וואס זיינע קנינים ווערן צוגעצויגען און נכלל אין זיין מציאות.

די 'קנינים' ביי 'מטלטלין' איז 'משיכה', 'הגבהה', 'קנין חצר', 'יד', וואס אז די טראכסט אריין זענען די אלע קנינים א געוויסע 'משיכה' וואס דער מענטש איז 'מושך' זיינע קנינים צו זיך, דער 'נפש' שלעפט מיט דעם זיינע קנינים צו זיך, אז זיי זאלן זיין ארומגענומען אונטער זיין שמירה. און דאס איז טאקע במיוחד ביי 'מטלטלין', ווייל 'קרקע' קען נישט דער מענטש 'מושך' זיין אזוי שטארק, ממילא פאסט נישט די אלע קנינים וואס זענען דא ביי מטלטלין, און מ'קען נאר מאכן א 'שטר' וואס א 'שטר' איז עטוואס תופס און מושך די קרקע, ווי די גמרא זאגט 'שטר ספסירא דארעא', אדער 'קנין חזקה' וואס דאס איז אויך עטוואס א תפיסה אין די קרקע, עטוואס געשלעפט די קרקע צו זיך, אויף ווי סאך ס'איז שייך.

ס'איז באקאנט אז ביי 'מטלטלין' איז דא א חזקה פון 'כל מה שתחת יד אדם שלו הוא', וואס דאס איז נאר דא ביי מטלטלין נישט ביי קרקע, ווייל ווי געשמועסט איז ביי קרקע נישט שייך עס אריינצובערענגען צו זיך, אדרבא דער קרקע איז מושך דעם מענטש צו אים, נאר 'מטלטלין' האט דער כח אז ער קען עס ממש אפשניידן פונעם פריערדיגען בעל הבית און אריין נעמען אינגאנצן אינגאנצן צו זיך, עס מושך זיין מיט די 'כח המשיכה' פונעם נפש, אינגאנצן צו זיך.

אויך די האנט פונעם מענטש האט גאר א שטארקע 'כח המושך', דער האנט האט בעצם ביידע כוחות, די האנט איז 'מושך' און 'מכניס' צו זיך, און דער האנט איז אויך 'דוחה' און 'מוציא' פאר אנדערע. דער מענטש ניצט זיין האנט אויף אריינצונעמען זיינע זאכן צו זיך אריין, וואס דאס קומט פון דער 'כח המשיכה' פונעם נפש, און דער מענטש נוצט אויך זיין האנט אויף ארויסצושטיפן זאכן פון זיך, אויף ארויסצושטופן זאכן וואס ער וויל נישט אז זיי זאלן זיין א חלק פון אים, למשל זאכן וואס באלאנגען פאר אנדערע, אדער סתם זאכן וואס דער מענטש דארף נישט, וואס דאס שטיפט ער ארויס מיט זיין האנט מיט א 'כח הדוחה', ער שטופט זיי אוועק פון זיך.

די צוויי כלליות'דיגע נסיונות אין די וועלט איז תאוה און גאוה (ר' צדוק הכהן). אז מ'טראכט אריין זעהט מען אז 'תאוה' איז דער 'כח המשיכה וואס די וועלט שלעפט דעם מענטש צו זיך, די וועלט שלעפט דעם מענטש זאל זיך עפענען צו אירע תאוות, און 'גאוה' איז פארקערט פון דעם, 'גאוה' איז דער 'כח המשיכה' וואס דער מענטש שלעפט צו זיך, פארקערט פון די 'כח המשיכה' פון דער וועלט, וואס מיט דעם קען ער זיך מתגבר זיין אויף 'תאוות עולם הזה', אויב די גאוה איז א 'גאוה דקדושה', און אונז וועלן מאריך זיין אין דעם ביי א אנדערע געלעגנהייט בעזהי"ת, אויך דארף מען מאריך זיין וועגען די 'כח המשיכה' וואס איין מדינה האט קעגען די אנדערע, אויך אין די המשיכה וואס דער 'יחיד' האט אנטקעגען די 'כח המשיכה' פונעם 'ציבור', ועוד חזון למועד.

# פרשה
המשך

מ'בעט איבער ריכטיג, זאגט מען אז ניין איך בין גאר דיין 'נער', איך בין דער וואס איז באגאנגען דא א טעות, נישט די, די האסט נישט קיין שוואכקייטן, איך האב גאר די שוואכקייטן.

די זעלבע זאך איז אויך למעלה כביכול, ביי מצות התשובה מוז מען קומען צום אייבערשטען זעלבסט און זיך מכניע זיין, אנשטאט וואס ביים 'עבירה' האט מען זיך געגרויסט ח"ו, אנשטאט דעם דארף מען ווערן צוריק נכנע, און דער עיקר אז מ'דארף אויסרופן אז אלעס איז געקומען פון מיין שוואכקייט, וואס מיט דעם ווערט אלעס איבערגעדרייט פון 'שגגות' און אויף 'זכיות', ווייל די עצם עבירה ווערט איבערגעדרייט פון א 'גאוה' צו א 'הכנעה', אנשטאט וואס מתחלה איז ער געווען א 'כסא' פאר גאוה, איז ער יעצט א 'כסא' פאר 'הכנעה'.


**נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה**

בקול הלשון - הרב שלום לאנגסאם 16466550559 - אויף אידיש 1, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, יום יומי שיעורים 3 (הלכה יומי-לומדות יומי-ביזנעס יומי-חיזוק יומי-נפש יומי-חינוך יומי), על הפרשה 4, משנה וגמרא 5, הלכה 6, מוסר וחסידות 7, סיפורי צדיקים 8, אינטערסאנטע טאפיקס 9, שבת 10, מועדים 11, נשואין 12 | נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך

**אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות:** zum-pintel+subscribe@googlegroups.com

**לנדב הגליון, או לפרסם בו, וכן להזמין את הרב למסור שיעורים בישיבות ובכוללים, נא להתקשר למכון מישרים 845-274-3516**

עיצוב: י.ב. 3424-763-52-972+